בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ם**
**בהעלותך** (נשא בחו"ל) **תש"פ**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


| | |
|---|---|
| תבקש האמת בהפלטין של אמת | כי עכשיו אין מרגישין טעם כל כך |
| אם תבקשנה ככסף וכמטמונים | לא להיות "שלימזל'ניקעס" |
| כי הוא הרב והתלמיד | נקודת החבר |
| כולה במחשבה אתברירו | הצנע לכת |
| חטוף ואכול | קיינער רופט מיר נישט אויף קיין מיטאג... |
| נקודה השייך ללבו בעת הזאת | רבי פנחס יהושע מטשעהרין |
| הייתי מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות | אנשי שלומינו מבאברינייץ |
| איינגעבאקן אין הארצן | הכנסת אורחים |


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 60**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**


כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$ עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

# ~ פרשת וירא, שנת תשל"ה ~

(טייפ מס' 57#)

## תבקש האמת בהפלטין של אמת

(חסרה ההתחלה) - וואס איך וועל אים מער 'זוכן' וועל איך אים מער 'געפינען'! איך וויים אז דא איז דער "פלטין של אמת",[א] נאר וואס דען? מען דארף אים זוכן, מען דארף אים זוכן!

פארשטייט מען שוין ממילא, אז מיט 'מצוות ומעשים טובים' זוכט מען אים, און מיט שלעכטס חלילה פארלירט מען![ב]

פון שלעכטס איז דאך אוודאי נישטא וואס צו רעדן - אז מען דארף זיך היטן פון שלעכטס, נאר אפילו ער היט זיך פון שלעכטס, ער היט דעם 'דיבור', ער היט די 'אויגן', ער היט דעם 'געדאנק', ער היט זיך פון שלעכטס, פארלירט ער דאך נישט, דארף ער דאך אבער זוכן! - מיט 'תורה', מיט יעדע 'מצוה' זוכט מען, מיט 'חברים' איינער מיטן אנדערן (להתחזק יחדיו), מיר שטייען פאר אזא "פלטין של אמת"!

אז דער רבי האט געלאזט די 'צוואה' - די תורה פון 'תקעו תוכחה',[ג] "מען זאל אים זוכן, מען דארף זוכן דעם רוח הקודש פונעם צדיק!".

---

[א] ע' עלים לתרופה מכתב י"ד: מַה אֹמַר לְךָ אָחִי, מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי, יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת, אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַּכֶּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה, תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת בְּהַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת, הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת, עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ, כִּי עִנְיַן הַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת...

[ב] ע' עלים לתרופה מכתב ע"א: ... וְעַל פִּי דֶּרֶךְ זֶה שֶׁאָנוּ קוֹרְאִין אֶת כָּל הַיְגִיעוֹת וְהָעֲבוֹדוֹת בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה, בִּפְרָט בְּשִׂיחוֹת לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, הַכֹּל אָנוּ קוֹרְאִין עַתָּה בְּשֵׁם בַּקָּשָׁה וְחִפּוּשׂ, וְכֵן עַל פִּי רֹב מְבַקְּשִׁין וּמְחַפְּשִׂין עַל יְדֵי רָצוֹן וּתְשׁוּקָה וְגַעְגּוּעִים וְכוּ', עַל יְדֵי זֶה אַתֶּם יְכוֹלִים לְהִתְחַזֵּק הַרְבֵּה בְּכָל עֵת אֵיךְ שֶׁהוּא...

[ג] תו' ח' תניינא - התורה האחרונה שנאמרה בימי חייו, וז"ל שם באות ח': וְעַל־כֵּן צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ מְאֹד אַחֲרֵי מַנְהִיג אֲמִתִּי לְהִתְקָרֵב אֵלָיו ... וְעַל־יְדֵי בְּחִינַת הָרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ שֶׁיֵּשׁ לְהַמַּנְהִיג הָאֲמִתִּי שֶׁהוּא בְּחִינַת רוּחַ־נְבוּאָה, עַל־יְדֵי־זֶה כָּל הַמִּתְקָרְבִים אֵלָיו נִתְחַזֵּק וְנִתְתַּקֵּן אֶצְלָם הָאֱמוּנָה הָאֲמִתִּית דִּקְדֻשָּׁה ... אֲבָל בֶּאֱמֶת צְרִיכִין

❖

# אם תבקשנה ככסף וכמטמונים

(השואל: וואס מיינט מער זוכן? א מענטש וואס ווייסט דאך אז ער שטייט שוין דארטן?) **מען קען נישט אויסמאלן! איך וועל דיר נאר זאגן א זאך, דו האסט פארלוירן א פארמעג, ביי דיין ערך - 'הונדערט טויזענט דאלער' איז ביי דיר געלט? 'הונדערט טויזענט דאלער' איז ביי דיר געלט! האסט פארלוירן 'הונדערט טויזענט דאלער', און דו ווייסט וואו דו האסט עס פארלוירן, און דו ווייסט אז דו וועסט זוכן וועסטו געפינען, וועסטו אפלאזן דעם געדאנק פון זוכן?! דו וועסט דאך קערן א וועלט!**

**צו דעם דארף מען עטליכע ידיעות: איך ווייס איך האב פארלוירן! און איך ווייס אז איך וועל זוכן וועל איך געפונען! און איך ווייס 'וואו' איך האב פארלוירן, 'דורך וואס' איך האב פארלוירן, קען מען אים זאגן ער זאל זיך באנוגן זיך?! אויסשלאפן דעם גוטן שלאף, און זיך אפעסן דעם גוטן מיטאג, און מען וועט אים ברענגען די געלט אין שטוב אריין?!**

**ער האט פארלוירן 'הונדערט טויזענט דאלער', האט ער דאך פארלוירן! וועט מען אים ברענגען די געלט אין שטוב אריין? אז דו ווייסט אז דו וועסט זוכן וועסטו געפינען?! טאמער איז ביי דיר 'הונדערט טויזענט דאלער' נישט קיין געלט, זאל זיין א 'מיליאן דאלער' - איז שוין יא געלט ביי דיר...**

**דאס הייסט חיפוש!**

❖

# כי הוא הרב והתלמיד

**אלע תלמידים דעם רבי'נס האבן געזוכט, נאר פון דעסטוועגן איז געווען חילוקים אין דעם זוכן אויך.**

---

לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ מְאֹד מְאֹד אַחַר מַנְהִיג אֲמִתִּי כָּזֶה, וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת ...

רבי נתן האט אזוי געזוכט דעם רבי'ן, אז אינגאנצן זיין געדאנק אינגאנצן זיין מח איז נאר געווען דער רבי![ד] וואס ער האט געטוהן, וואס ער האט מחדש געווען, איז נאר געווען דער רבי אליין![ה]

רבי שמואל אייזיק[ו] איז געווען א געוואלדיגער מענטש, ער איז געוואלדיג געווען, א הויכער סארט מענטש, א הימל מענטש. ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט אויף זיין ספר - א ספר איז געווען פון אים, א ספר האט ער געמאכט ר' שמואל אייזיק, אין דעם ספר ברענגט ער אראפ א מאמר, אין סוף ברענגט ער "כמבואר בלקוטי מוהר"ן".

האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: דעם חילוק פון ר' נתן - ר' נתן ברענגט פריער דעם רבי'נס תורה, און נאכדעם הייבט ער אן רעדן זיינע חידושים, אבער ער ברענגט פריער דעם רבי'נס תורה, דער תורה - אדער דער תורה. און 'ער' (ר' שמואל אייזיק) ברענגט א מאמר (און דערנאך) "כמבואר בלקוטי מוהר"ן".

❖

# כולה במחשבה אתבירו

**אזוי ווי דער רבי האט א זאג געגעבן:[ז] "סע האט א פנים מען דארף זיך זייער היטן פון א הרהור!", אזוי אויך דער געדאנק, אז מען גייט אוועק אינדערזייט, זעהט מען דאך וואספארא קילקול ס'ווערט פונעם געדאנק, "כולה במחשבה אתבירו",[ח] אינגאנצן דער בירור איז נאר אין דער 'מחשבה'.**

---

[ד] עי' מזה בהקדמת עלים לתרופה: ואף על פי כן, מגודל ההעלמה וההסתרה שהיה עליו בזה העולם, על דרך "וירא אלקים את האור כי טוב" - 'לגנוז' (חגיגה י"ב.), על כן גם תלמידיו המקורבים אליו לא זכו לידע ולהשיג גם מקצת מן המקצת ממנו ז"ל, עד היכן הגיע נוראות נשגבות מעלת קדושתו והשגתו ז"ל, **כי־אם על אחד מתלמידיו המובהקים הוא מורינו הצדיק הקדוש וכו' הרב ר' נתן זללה"ה**, עליו העיד רביז"ל בעצמו שהוא יודע ומשיג קצת מגדולת מעלתו, כמבואר קצת מזה במקום אחר... (ועי' פרפראות לחכמה תו' ס"א אות י"ח).

[ה] עי' אבניה ברז"ל - שו"ס ממוהרנ"ת ז"ל: ... אֲנִי גַּם־כֵּן אוֹמֵר כָּךְ (עַל הַלִּקּוּטֵי הֲלָכוֹת) "**דֶּעם רַבִּינְס מֹחַ אוּן מַיְין מוֹיְל**" (הַמּוֹחַ שֶׁל הָרַבִּי וְהַפֶּה שֶׁלִּי).

[ו] מגדולי תלמידי רביז"ל, עי' אודותיו כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות י"ט והלאה.

[ז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' קי"ד.

[ח] עי' זוה"ק פרשת פקודי דף רנ"ד ע"ב, מובא בליקו"מ כמה פעמים, עי' תו' רי"א.

אינגאנצן דער תכלית פון אידן, וואס מען טוהט אין דעם עולם - אלע מצוות ומעשים טובים איז כדי די 'מח' זאל זיין שענער, וואס ער קומט אהינצו (בעולם הבא) מיט א שענערן מח!

דאס רעדט דער רבי אין תורה כ"ה,[ט] דער 'שכל הנקנה' - דאס איז די השארה וואס בלייבט איבער לאחר מותו, דאס בלייבט איבער! ער קומט אהינצו מיט שענערע געדאנקען!

פארשטייט מען דאך אליין - בפרט א 'הרהור רע', און אין די קדושה ווייטער - וואס מען לייגט אריין מער דעם געדאנק, נישט ארויסלאזן דעם מח פון גוטע זאכן, און מיט חברים רעדן - איז ער עוסק מער אין דעם ענין פון זוכן, זוכט ער מערער, און געפינט מערער!

אז מען זוכט געפינט מען, איז ער נענטער צום צדיק, אז ער איז נענטער צו אים איז ער נענטער צו דעם תיקון, ער איז נענטער!

❖

# חטוף ואכול

למשל ר' אברהם ר' נחמן'ס, בימי חורפו, ווען איך בין מקורב געווארן איז ער שוין געווען אן אלטער איד, ער איז אלט געווען פינעף און זעכציג יאר, אבער איך האב דאך געהערט פון מענטשן וואס האבן אים געקענט - וואס זענען געווען עלטער פון אים - זיי האבן אים נאך געקענט בימי חורפו, א געוואלד א געוואלד! וואספארא יוגנט ער האט געהאט!

א גאנצע וואך געווען אין וואלד! אזא איד, אזא צדיק - א קדוש, א גאנצע וואך! וואס אזא איד קען זוכה זיין?! מען פארשטייט אליין!

---

[ט] עי' שם אות א': כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל ... וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁמַּשִּׂיג בְּשִׂכְלוֹ כָּל מַה שֶּׁיֵּשׁ בְּיַד אֱנוֹשִׁי לְהַשִּׂיג, אָז שִׂכְלוֹ שָׁב שֵׂכֶל הַנִּקְנֶה. כְּמוֹ שֶׁכָּתְבוּ הַמְחַקְּרִים, שֶׁיֵּשׁ שֵׂכֶל בְּכֹחַ, וְשֵׂכֶל הַפֹּעַל, וְשֵׂכֶל הַנִּקְנֶה. וְעִקַּר קִיּוּמוֹ שֶׁל אָדָם לְאַחַר מִיתָתוֹ, אֵינוֹ אֶלָּא שֵׂכֶל הַנִּקְנֶה ......

דאס איז דאך זיין חיות, מסתם האט ער דארטן צוגעגרייט 'ברויט', אביסל 'וואסער' דארטן, און געשלאפן דארטן אויף א שטיין, ער האט דאך געמוזט, א מענטש מוז דאך עפעס שלאפן אויך.

זעהט מען דאך וואספארא מין 'מוחין' ער האט דארטן געהאט, און וואספארא מין סארט השגה אינעם רבי'ן ער האט דארטן באקומען, אז ער האט געהאט אזא מין הנהגה, אוועקגעבן גאנצע יארן!

אין די וועלט "אכול ושתו"[י] - א פסוק איז דא אז זיי זאגן - "אכול ושתו כי מחר נמות", היינט אז מ'לעבט - דארף מען לעבן! עסט, טרינקט, 'כי מחר נמות' - מארגן וועט גארנישט זיין, עסט היינט!

דעם חשבון האבן די צדיקים אויך, 'כי מחר נמות', דארף מען כאפן, 'כי מחר נמות', מארגן קען מען גארנישט כאפן, כאפט כאפט, וואס איר קענט! - ס'האט נישט קיין ערך וואס די צדיקים זוכן.

❖

# נקודה השייך ללבו בעת הזאת

מען קען נישט נאכטוהן יענעם'ס, אבער על כל פנים - דאס דארף מען יא וויסן - אז דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, און מען האט אים צוגעפירט צו דעם רבי'ן, איז אן ענין וואס מ'דארף נישט אפלאזן, און זוכן אים, און האלטן מערער, און דאס איז אינגאנצן דער תיקון אונזערער!

און וואס מען וועט עוסק זיין אין דער זאך מערער, איז מען נענטער צו אים - איז מען נענטער צום רבי'ן.[יא]

---

[י] ישעי' כ"ב י"ג.

[יא] עי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' בארוכה, ושם באות ו': ... עַל כֵּן צְרִיכִין תָּמִיד לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ הַרְבֵּה אַחֲרֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ הַנַּ"ל, כִּי בְּוַדַּאי אֵין הַחִפּוּשׂ וְהַבַּקָּשָׁה אַחֲרֵי גּוּף הַגַּשְׁמִי שֶׁל הַצַּדִּיק כִּי אִם אַחֲרֵי רוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁלּוֹ שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר בֵּרוּר הַמְדַמֶּה, שֶׁזֶּה תִּקּוּנוֹ, וְזֶה צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ תָּמִיד ... וְאִם כְּבָר נִדְמֶה לוֹ שֶׁמָּצָא אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, בְּוַדַּאי זֶה צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ עוֹד יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא יוֹשֵׁב אֵצֶל הַצַּדִּיק וַעֲדַיִן אוֹרוֹ חָשׁוּךְ אֶצְלוֹ וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ נְעִימוּת אֲמִתַּת עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ' ... וְלָזֶה צְרִיכִין יְגִיעָה גְּדוֹלָה וְחִפּוּשׂ הַרְבֵּה עַד שֶׁיִּמְצָא, וְאִם יְחַפֵּשׂ בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי יִמְצָא ...

דאס הייסט זוכן! אינגאנצן מיין געדאנק, אינגאנצן מיין מח, אינגאנצן מיין לערנען, אינגאנצן מיין דאווענען, אינגאנצן מיין תורה ומצוות, - איז נאר איך זאל ווערן נענטער צו דעם צדיק![יב]

אין די מצוה אליין! מיר רעדן פשוט דער 'דאווענען', מען דאווענט שמונה עשרה, מען לייגט תפילין, מנחה, מעריב, מען מאכט א ברכה, מען בענטשט, דער אמת איז אז מען דארף דאך זוכן דעם צדיק אין אלצדינג, אין אלצדינג דארף איך אים זוכן, אז ס'קומט 'שבת' דארף איך אים זוכן אין די 'מאכלים'![יג]

ס'איז אן 'הלכה' (בלקוטי הלכות), אז ס'קומט די צייט - מקשר זיין "לבו להנקודה השייך ללבו בעת הזאת."[יד]

איך געדענק אין אומאן, ס'איז געווען אמאל פרייטיג צו נאכט נאכן דאווענען, איז צוגעקומען איינער דארטן - איך געדענק נישט ווער - עפעס א קינד איז געווען ביי אים שלאַף שטארק, ער איז צוגעגאנגען צו ר' שמשון'ען (בארסקי ז"ל), ער האט אים געזאגט אז ער זאל אים דערמאנען, צו ר' געצע, (אמרו לו:) "**נו איצטער דארפן מיר זוכן די רפואה ביי די 'זמירות' פון שבת, ביי דעם 'קידוש' פון שבת - דארפן מיר איצטער זוכן דאס!**", איצטער איז דער זמן דערפון.

---

[יב] עי' ליקוטי הלכות הל' בציעת הפת ה' אות כ"ג: עַל-פִּי הַנַּ"ל מְבֹאָר, שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם לְכַוֵּן דַּעְתּוֹ תָּמִיד, בִּפְרָט בְּעֵת עָסְקוֹ בְּתוֹרָה וּמִצְוֹת, שֶׁיִּהְיֶה נִמְשָׁךְ עָלָיו הַהֶאָרָה מֵהַצַּדִּיק הָאֱמֶת ... וְכָל מַה שֶּׁהָאָדָם מְכַוֵּן דַּעְתּוֹ לָזֶה בְּיוֹתֵר, וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בְּיוֹתֵר, בְּוַדַּאי נִמְשָׁךְ עָלָיו הֶאָרָה בְּיוֹתֵר, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ בִּשְׁלֵמוּת ... ועי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' אות ט"ז: הַכְּלָל, שֶׁצְּרִיכִין לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ מְאֹד מְאֹד אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת ... כִּי בְּכָל הָעֲסָקִים שֶׁעוֹשִׂין, הֵן תּוֹרָה וּתְפִלָּה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וְהֵן מַשָּׂא וּמַתָּן וּשְׁאָר עֲסָקִים, צְרִיכִין לְכַוֵּן בְּכָל עֲשִׂיָּה שֶׁעוֹשִׂין וּבְכָל דֶּרֶךְ וְעִיר וּכְרַךְ שֶׁהוֹלְכִין, אוּלַי יִזְכֶּה עַל יְדֵי עֵסֶק וּנְסִיעָה זֹאת לִמְצֹא אֶת שֶׁאָהֲבָה נַפְשׁוֹ, זֶה מֹשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַנַּ"ל, כִּי כָּל חִיּוּתוֹ וְתִקְוָתוֹ לָנֶצַח וְזַרְעוֹ וְכָל דּוֹרוֹתָיו עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת, וְכָל הַנְּפָשׁוֹת וְהָעוֹלָמוֹת הַתְּלוּיִים בּוֹ וּבְזַרְעוֹ, כֻּלָּם תְּלוּיִים בְּהַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַנַּ"ל... (ועי' ביאור הליקוטים בסופו בהשמטות, ד"ה "בדבר הגואל שאנו מחכים אליו").

[יג] עי' ליקוטי תפלות ק"ז - עפ"י ליקוטי מוהר"ן תו' רע"ז: וּתְזַכֵּנוּ עַל־יְדֵי קְדֻשַּׁת אֲכִילַת שַׁבַּת־קֹדֶשׁ, וּבִפְרָט עַל־יְדֵי אֲכִילַת שַׁבַּת שֶׁל גְּדוֹלֵי הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים, שֶׁנִּזְכֶּה עַל־יְדֵי־זֶה לְהַרְחִיב וּלְהַגְדִּיל הַדְּרָכִים הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגִּלּוּ הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים בָּעוֹלָם...

[יד] והוא עפ"י ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ד אות א': ...וְהַתִּקּוּן הוּא, עַל יְדֵי שֶׁמְּקַשֵּׁר אֶת לִבּוֹ לְהַנְּקֻדָּה הַשַּׁיָּךְ לְלִבּוֹ בָּעֵת הַזֹּאת... ועי' ליקוטי הלכות הל' נשיאת כפים ה' אות כ"ב: ...כִּי כָּל יוֹם וָיוֹם יֵשׁ בּוֹ הֶאָרַת נְקֻדָּה מְיֻחֶדֶת מַה שֶּׁאֵין בִּשְׁאָר הַיָּמִים, וְעַל-כֵּן דִּקְדֵּק אדומו"ר ז"ל בִּתְחִלַּת הַתּוֹרָה הַנַּ"ל 'שֶׁצְּרִיכִין לְקַשֵּׁר הַלֵּב אֶל הַנְּקֻדָּה הַמְּאִירָה בָּעֵת הַזֹּאת' דַּיְקָא, וְכַמְבֹאָר מִזֶּה בְּמָקוֹם אַחֵר...

האט מען אין אומאן גערעדט דערפון: פשט איז, אז ביי יעדער צייט דארף איך זוכן! אז ס'קומט 'יום כיפור' זוכט מען אים אזוי, און 'תשעה באב' איז אזא מין חיפוש, און 'ערב פסח' איז אזוי, און 'פסח' איז אזוי, און 'שבת' איז אזוי, 'סוכות' איז אזוי![טו]

❖

# הייתי מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות

מען קען נישט ארויסרעדן וואס הייסט 'זוכן', דאס וועט מען שוין אליין פארשטיין, אז איך וויים אז מיך פעלט, אז איך האב 'פארלוירן', דער רבי זאגט אז דורך 'תאוות' פארלירט מען,[טז] "תאוות רשעים תאבד", דורך תאוות פארלירט מען, דורך תאוות פארלירט מען!

מען איז ביים אמת'ן צדיק, א אמת'ן רבי'ן, א "פלטין של אמת", און תמיד דארף מען וויסן אז ס'איז דא א 'עלמא דאתי', און דער סוף איז דאך אז די וועלט איז נישט קיין אייביגע וועלט, מוז מען דאך זיין אביסל נענטער צו אים, וואס איך וועל מערער אינזינען האבן דאס, איך וועל מערער היטן דאס, וועל איך זיין נענטער.

דאס ווייסט מען - אז מען זאל זיך צורירן צום רבי'נס זאך, מען זאל האבן דעם געדאנק אינעם רבי'נס זאך, וואלט מען געקענט עפעס זוכה זיין - צו א נקודה פון 'אמת', א נקודה פון אמת איז עפעס אנדערש!

נאר וואס דען? מען דארף זוכן! מען דארף זוכן דעם צדיק! ממילא האט מען שוין נישט קיין צייט צו רעדן קיין דברים בטלים, מען האט נישט קיין צייט צו מאכן קיין

---

[טו] עי' ליקוטי הלכות הל' מלמדים ד' אות ו': ...וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁדִּקְדֵּק רַבֵּנוּ ז"ל וְכָתַב שָׁם בְּהַתּוֹרָה הַזֹּאת, שֶׁעִקַּר הַתִּקּוּן עַל-יְדֵי שֶׁמְּקַשֵּׁר אֶת לִבּוֹ לְהַנְּקֻדָּה הַשַּׁיָּךְ לְלִבּוֹ בָּעֵת הַזֹּאת, עַיֵּן שָׁם. וּבְעִנְיָן זֶה יֵשׁ הַרְבֵּה לְדַבֵּר וּלְבָאֵר ... כִּי זֶה רוֹאִין בְּחוּשׁ שֶׁבְּוַדַּאי אֵין דּוֹמֶה הָעֲבוֹדָה שֶׁהָאָדָם עוֹבֵד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב לְהָעֲבוֹדָה שֶׁל שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל, וְכֵן אֵינוֹ דּוֹמֶה הָעֲבוֹדָה שֶׁבְּבֵיתוֹ לְהָעֲבוֹדָה שֶׁבַּדֶּרֶךְ, כִּי בְּוַדַּאי בַּדֶּרֶךְ אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲסֹק כָּל כָּךְ בַּתּוֹרָה כְּמוֹ בְּבֵיתוֹ, אֲבָל אַף-עַל-פִּי-כֵן בְּוַדַּאי אֵין הָאָדָם פָּטוּר לְגַמְרֵי בַּדֶּרֶךְ מֵעֲבוֹדַת ה', רַק בַּדֶּרֶךְ הוּא צָרִיךְ לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַנְּקֻדָּה הַשַּׁיָּךְ לְלִבּוֹ בָּעֵת הַהִוא כְּפִי הָעֵסֶק שֶׁעוֹסֵק בּוֹ, וּבְבֵיתוֹ צָרִיךְ לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַנְּקֻדָּה הַשַּׁיָּךְ לְלִבּוֹ אָז, וְכֵן בַּיּוֹם צְרִיכִין לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַנְּקֻדָּה הַשַּׁיָּךְ לְלִבּוֹ אָז הַמְּאִירָה בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה לְהַנְּקֻדָּה הַמְּאִירָה אָז בַּלַּיְלָה...

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' פ"ח, ועי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה' אות כ': כִּי כָּל הַחֲטָאִים הֵם בְּחִינוֹת אֲבֵדוֹת, כִּי עַל יָדָם אוֹבְדִים מַה שֶּׁאוֹבְדִים, בְּחִינַת תַּאֲוַת רְשָׁעִים תֹּאבֵד...

געלעכטערס, איך האב נאר א ענין - "איך דארף זוכן!" איך דארף זוכן! איך האב פארלוירן, איך דארף זוכן!

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל: ר' נתן שרייבט אין די תפילות "מי יתן ידעתי ואמצאהו, הייתי מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות")[יז] 'שפרינגען', ער האט געזוכט! אה אה אה!

דאס קען מען וויסן ביי זיך, אז די רגע וואס מען איז נעגטער צום רבי'ן, דאוונט זיך אנדערש, לערנט זיך אנדערש, און ער האט אנדערע געדאנקען, און בכלל גייט ער ארום אנדערש, ער איז אן אנדער מענטש!

פארוואס? ברענגט דער רבי אין תורה ח',[יח] די 'חיות' פון די 'תורה' איז ביים 'צדיק'! דער 'רוח' איז ביים צדיק! איז ממילא האט מען א אנדער חיות, דער מענטש לעבט, ער האט חיות, נאר ס'איז דא אן 'איידעלער חיות' און ס'איז דא א - (בחינה פחותה מזה).

❖

# איינגעבאקן אין הארצן

דער רבי זאגט אין די תורה פון ואתחנן,[יט] זאגט דער רבי דארטן אז אפילו די 'אומות העולם' זענען מקבל חיות פונעם צדיק, בשעת ער איז אן 'איש פשוט' - איז אפילו די 'אומות העולם' זענען מקבל פון אים חיות!

איז וואס איז א נפקא מינה? זאגט דער רבי אבער: "וכל אחד כפי קירובו יותר אל הקדושה ואל הצדיק", איז ער מקבל - "חיות גבוה יותר!", וואס איינער איז

---

[יז] עי' ליקוטי תפלות ד': כִּי גָלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ שֶׁרְצוֹנִי וְכוֹסְפִּי חָזָק מְאֹד לְהִתְקָרֵב לַצַּדִּיק הָאֱמֶת, אַךְ בַּעֲוֹנוֹתַי הָרַבִּים אֵינִי זוֹכֶה לָדַעַת מִי הוּא וְאֵיפֹה הוּא, מִי יִתֵּן יָדַעְתִּי וְאֶמְצָאֵהוּ, הָיִיתִי מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים מְקַפֵּץ עַל הַגְּבָעוֹת לָבֹא לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. וכעי"ז שם בתפלה פ"ו.

[יח] עי' שם אות ב': דַּע, שֶׁעִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר, כִּי עִקַּר רוּחַ־הַחַיִּים הוּא בְּהַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי הַמָּיִם" - הוּא הַתּוֹרָה, וְהַצַּדִּיקִים דְּבֵקִים בַּתּוֹרָה, וְעַל כֵּן עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים הוּא אֶצְלָם...

[יט] עי' תו' ע"ח תניינא: וְעַל־כֵּן מֻכְרָח הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל לֵירֵד וְלִפֹּל לְתוֹךְ פְּשִׁיטוּת וְלִהְיוֹת אִישׁ פָּשׁוּט מַמָּשׁ אֵיזֶה עֵת. כִּי עַל־יְדֵי־זֶה הוּא מְחַיֶּה אֶת כָּל הַפְּשׁוּטִים הַנַּ"ל, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, וַאֲפִלּוּ אֻמּוֹת הָעוֹלָם, כִּי הוּא מְחַיֶּה עַצְמוֹ בִּבְחִינַת הַתּוֹרָה הַנֶּעְלֶמֶת בַּעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת, הַמְלֻבָּשִׁין בְּתוֹךְ הָעוֹלָם, וּמִמֶּנּוּ מְקַבְּלִין חִיּוּת כָּל הַפְּשׁוּטִים הַנַּ"ל. וְכָל אֶחָד כְּפִי קֵרוּבוֹ יוֹתֵר אֶל הַקְּדֻשָּׁה וְאֶל הַצַּדִּיק הַנַּ"ל, כֵּן הוּא מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ חִיּוּת גָּבוֹהַּ יוֹתֵר.

נענטער צו די קדושה און צום צדיק, איז ער מקבל א העכערער חיות! א העכערע סארט חיות!

נו ס'איז נישט קיין קלייניקייט, 'חיות'! ס'איז דא א 'שפע של בהמה',[כ] א 'שפע של אדם', יעדער איינער, ס'איז גוט - אז ער קומט כאפן 'שיריים' האט ער אויך א 'חיות', אז ער קומט הערן 'תורה' איז אוודאי גוט, אבער איינער איז אים איינגעבאקן אין הארצן! איינגעבאקן אין הארצן! ביים צדיק איז ער איינגעבאקן אין הארצן![כא]

דאס רעדט מען אזעלכע מענטשן וואס האבן נישט געקענט דעם רבי'ן, זיי האבן נישט געקענט ר' נתן'ען, אפילו ר' נחמן טולטשינער אויך נישט געקענט, און נאך א שפעטערדיגן האבן זיי אויך נישט געקענט, און זיי האבן געמאכט זייער גוט, אוועקגעגאנגען - (מעולם הזה) 'אנשים כשרים'! פון וואנעט האבן זיי דאס? איז דאך נאר פון דעם 'פלטין של אמת', מיט דעם האבן זיי אזוי געמאכט גוט![כב]

❖

[כ] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רס"ו.

[כא] על פי שיחתו של רביז"ל - עי' שיש"ק הנדמ"ח א' קמ"ו: ביי מיר איז דריי כתות חסידים - א כתה חסידים וואס זיי ווילן הערן תורה, א כתה חסידים וואס זיי ווילן כאפן שיריים, און א כתה וואס זענען אין מיר איינגעבאקן אין הארץ וכו'...

[כב] עי' חיי מוהר"ן אות רכ"ה: וְכֵן אֲפִלּוּ אֵלּוּ שֶׁלֹּא זָכוּ לְהַכִּיר אֶת רַבֵּנוּ ז"ל בְּחַיָּיו, כְּשֶׁיָּבוֹאוּ עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ וְיִסְמְכוּ עָלָיו, וְיִלְמְדוּ סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְיַרְגִּילוּ עַצְמָם לֵילֵךְ בִּדְרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, בְּוַדַּאי יֵשׁ לָהֶם עַל מַה שֶּׁיִּסְמֹכוּ. אַשְׁרֵיהֶם אַשְׁרֵי חֶלְקָם, וְלֹא יֶאְשְׁמוּ כָּל הַחוֹסִים בּוֹ, כִּי כְּבָר גִּלָּה דַּעְתּוֹ בְּכַמָּה לְשׁוֹנוֹת בְּפֵרוּשׁ וּבְרֶמֶז שֶׁכָּל מַה שֶּׁעוֹסֵק עִמָּנוּ אֵינוֹ בִּשְׁבִילֵנוּ לְבַד, כִּי אִם אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה וְאֶת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה... ועי' פרפראות לחכמה סי' ס"א אות י"ד: וכבר יש רבים מאנ"ש אשר כמעט שלא הכירו ולא ידעו ולא ראו גם שום אחד מתלמידיו הקדושים ז"ל, ואף על פי כן בוער בלבם עסקיו ועניניו של רבינו הקדוש ז"ל כאש יוקדת ממש, ושותים בצמא את כל דבריו ודברי תלמידיו הקדושים ז"ל, והם עליהם ממש כמים קרים על נפש עיפה, ועובדים את ה' באמת בכל לבם ובכל נפשם, והכל בכח קדושת ההתנוצצות הארת הדעת הקדוש שנשאר בעולם מרבינו הקדוש ז"ל על ידי חיבוריו ותלמידיו הקדושים...

# כי עכשיו אין מרגישין טעם כל כך

כל זמן מען איז מלובש אין דעם 'גוף' קען מען זיך מען נישט אויסמאלן די גוטסקייט דערפון,[כג] מיר זאגן נאר "גוט", מיר קענען נישט זאגן מערער דערפון!

טאקע 'טוב' איז דער צדיק! 'אור' איז דער צדיק! מען קען נישט זאגן מער ווי "גוט", ס'איז 'גוט', ס'איז 'לעכטיג'!

'טוב' אויפן היפוך זאגט מען 'רע', דער היפוך פון 'טוב' איז 'רע', מיר האבן נאר די צוויי דיבורים: 'טוב ורע', שוין, 'חושך אור'!

מען האט געלערנט די 'הלכה' דארטן אין 'ברכת השחר',[כד] 'שקר - אמת', מיר האבן נישט קיין אנדערע דיבורים, אבער אין דעםווארט 'אמת' ליגט אזוי פיל, אין דעם ווארט שקר ליגט אזוי פיל, אז מיר זאגן 'אמת' - מיינט מען 'אמת', און 'שקר' - איז 'שקר'. ער רעדט דארט דעם חילוף פון דעם 'בן המלך ובן השפחה'.

❖

ר' נתן איז נאך איצטער אזא סוד - "ר' נתן"! אסאך איז דא וואס פונעם רבי'ן אז מ'רעדט שוויגן זיי נאך, (אינם מדברים עליו בזלזול), זיי האבן נאך מורא, (אבער) אויף ר' נתן'ען - אזעלכע לשונות אז ס'איז א געוואלד, נאך היינט אויך! איך רעד נישט - זיי זאגן אים אן דעם רי"ש (ר' נתן), נאר רעדן אזעלכע לשונות אויף אים, שקרים וכזבים!

איך האב געקענט אידן אסאך וואס האבן נאך געקענט ר' נתן'ען, איך האב געקענט "ר' דוד צבי'ן" - ר' יצחק'ס זוהן,[כה] ער האט חתונה געהאט נאך (בחיי מוהרנ"ת), ער האט שוין אפילו געהאט א קינד - דאכט זיך מיר (בחיי מוהרנ"ת), ר' יצחק'ס א זוהן, איך האב אים גוט געקענט.

---

[כג] עי' חיי מוהר"ן אות ק"א: ...הֲלֹא עִקַּר יְגִיעַת וַעֲבוֹדַת הָאָדָם בִּשְׁבִיל הַתַּכְלִית, כִּי עַכְשָׁו אֵין יוֹדְעִין וּמַרְגִּישִׁין טַעַם כָּל־כָּךְ בְּהִתְקָרְבוּת מֵחֲמַת עֲכִירַת הַחֹמֶר וּמֵחֲמַת הַמְּנִיעוֹת...

[כד] הלכה ג'.

[כה] היינו רבי דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

און "ר' מיכל'ע", ר' מיכל'ע איז געווען אינגער, אבער ר' מיכל'ע האט אויך געקענט ר' נתן'ען, ער איז געווען אינגער פון אים מיט א זיבן-אכט יאר פון ר' דוד צבי.

איך האב געקענט אסאך מענטשן וואס האבן געקענט ר' נתן'ען.

❖

# לא להיות "שלימזל'ניקעס"

דער אויבערשטער זאל אויף אונז רחמנות האבן, מיר זאלן נישט זיך לאזן נארן, מיר זאל נישט זיין קיין שלימזל'ניקעס, און וויסן אז מיר שטייען ביי א געוואלדיגן אמת, ברוך השם.

אזוי ווי די וועלט איז ווייט, און - ברוך השם - דער אויבערשטער האט געהאלפן אז ס'איז דא ברוך השם א 'קיבוץ' וואס ס'גלויבן יא אינעם רבי'ן, מען קען יא רעדן איינער מיטן אנדערן דיבורים!

דארטן בשעת ס'איז געווארן פארביטן געווארן דער 'בן המלך ובן השפחה',[כו] האט מען זיך דארטן 'געשושקעט', מען האט זיך שטילערהייט 'געשושקעט', מען האט מורא געהאט צו רעדן הויך, דער מלך האט געקענט הרג'ענען אויך, ער איז געווען א מלך אויף דער גאנצער וועלט, נאר 'שטילערהייט' האט מען 'געשושקעט זיך' אז ס'איז פארביטן, "אז דער בן המלך וואס איז היינט מלך, ער איז גאר א בן השפחה" - האט מען שטילערהייט גערעדט.

ס'איז אן אוקרייינישווארט, מען 'שושקעט זיך' הייסט - מען רעדט 'שטילערהייט'.[כז]

מען קען נישט רעדן הויך! ברוך השם אז מען קען אבער רעדן! מען קען רעדן פונעם רבי'ן!

---

[כו] עי' ספר סיפורי מעשיות - מעשה י"א.

[כז] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות ד': ...וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הֵבִין (מוהרנ"ת ז"ל) וְהִשְׂכִּיל גַּם זֶה מִדְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁבְּכָל זֹאת יִהְיֶה נִמְצָא מִפְלֵטַת הַשְּׁאֵרִית עַד בִּיאַת הַגּוֹאֵל. וְאָמַר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, דָּא וֶועלִין זִיךְ שַׁאשְׁקֶען עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשִׁין, אִין דָּא וֶועלִין זִיךְ שַׁאשְׁקֶען עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשִׁין, (פֹּה יִתְלַחֲשׁוּ כַּמָּה אֲנָשִׁים וּפֹה יִתְלַחֲשׁוּ כַּמָּה אֲנָשִׁים). וְכִלְשׁוֹן הַכָּתוּב בְּמַלְאָכִי "אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ" וְכוּ'...

דער רעדן פונעם רבי'ן איז אויך א געוואלדיגע זאך, די נקודה פונעם חבר, רעדן איינער מיטן אנדערן פונעם רבי'ן, דאס איז א געוואלדיגע זכיה.[כח]

❖

# נקודת החבר

(רמ"ב: ס'איז דאך דא א ענין צו זיין וואס מער 'בהצנע לכת', אז מען רעדט מיט אן אנדערן ווערט דאך יענער געוואויר פון זיינע זאכן!?) 'הצנע לכת' קען מען מקיים זיין אפילו (אזוי)! 'הצנע לכת' איז נאר אז ער רעדט נישט מיט קיינעם? ער איז אפגעזונדערט?! ניין! דער 'הצנע לכת' דאס קען ער מקיים זיין!

'רבי נתן' איז געווען אויסגעמישט מיט אלע מענטשן, ער האט דאך גערעדט מיט מענטשן, ער האט געשריבן ספרים, און געפארן נסיעות, און אלעס, און ער איז געווען א געוואלדיגער 'הצנע לכת'!

זיין נקודה וואס ער האט געהאט אין זיך, זיין ברענונג וואס ער האט געהאט אין זיך - דאס האט נאר געוואוסט דער בורא עולם!

דאס איז 'צוויי זאכן': מען רעדט מיט יענעם, אבער יעדער איינער דארטן זיין (שיהיה עבודתו בהצנע לכת).

פארקערט, דער רבי האט נישט געהאלטן אז מען זאל (דערציילן), אפילו מען האט אן אמת'ן חבר.

בשעת "ר' יהודה אליעזר" - דער וואס איז געפארן מיט ר' נתן'ען קיין ארץ ישראל - ער איז געווען איינמאל ביים רבי'ן, און דעמאלט האט דער רבי שוין נישט געהערט קיין "וידוי דברים", דער רבי האט אים געזאגט דארטן אז ער זאל זיך חבר'ן מיט ר' נתן'ען, "אבער דו זאלסט אים נישט דערציילן!".[כט]

---

[כח] עי' חיי מוהר"ן אות תע"ט: ...עַל יְדֵי שֶׁמְּסַפְּרִין מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים וּמְגַדְּלִים וּמַפְלִיאִים אוֹתָם, עַל־יְדֵי־זֶה נִמְתָּק הַדִּין וְנִמְשָׁךְ חֶסֶד... ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ט אות ב': כְּשֶׁמְּשַׁבְּחִין וּמְפָאֲרִין אֶת הַצַּדִּיקִים, עַל־יְדֵי־זֶה נִתְרוֹמֵם הַדַּעַת...

[כט] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות נ"ו.

די התחברות איז - מען רעדט פונעם רבי'ן, מען רעדט פון התחזקות פונעם רבי'ן, מען רעדט דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן, דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן רעדט מען, אז ס'איז געוואלד און געשריגן - אזא גרויסער רבי, א גרויסער 'בעל כח', מען רעדט דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן!

וואס אין דעם עולם - מענטשן ווערן געבוירן און גייען אוועק, און וויסן גארנישט אינגאנצן אז ס'איז דא אזא רבי אויף דער וועלט!

האבן מיר דאך שוין וואס צו רעדן! און מען רעדט טאקע - דער כח וואס מען קען באקומען דורכן רבי'ן, אפילו נאר רעדן דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן איז אויך א געוואלדיגע זאך, מען ווערט דאך פארשלאפן, אז מען פארגעסט גאר אינגאנצן אז ס'איז דא אזא מין רבי! פארשלאפן.

❖

# הצנע לכת

(רמ"ב: דער סארט גאנג, אז דער רבי איז געקומען צווישן מענטשן האט ער געמאכט דארטן - מעשה נערות וכו'), דו מיינסט אין איסטאנבול? (השואל: אפילו פריער שטייט, אז ער פלעגט מאכן פארשייטקייט, די אלע סארט זאכן),[ל] די אלע צדיקים האבן געוואלט זיין פארבאהאלטן, דער 'בעל שם הקדוש' איז געווען פארבאהאלטן ביז די זעקס און דרייסיג יאר, אלע צדיקים האבן געוואלט זיין פארבאהאלטן, נאר אז מען וויל פון אויבן אז ער זאל ווערן נתגלה, ווערט ער נתגלה!

אז מען האט געוואלט דער רבי זאל ווערן נתגלה, איז א מעשה געווען מיט א ברית, אין אלכסנדראווקע, מיט א יארצייט.[לא]

דער אויבערשטער פירט אזוי צו, דער צדיק וויל טאקע זיין (בהצנע), דער רבי האט געזאגט: "וואס האט מיר געטויגט דער פירסום?! דא האב איך געפילט אויף יעדן

---

[ל] עי' שבחי הר"ן אות ב' וי"ג.

[לא] עי' כל הסיפור בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן (ב), אות כ"ו ומ"ז.

טריט טעם גן עדן!",[לב] דער צדיק ער ציט זיך צו זיין זאך, און פון אויבן פירט מען אזוי, וואס מען וויל פון אויבן דאס פירט מען אויס!

❖

מיר ווייסן אז ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען אזא מין הצנע לכת, א געוואלד, א געוואלד, אז ס'איז א געוואלד געווען זיין 'הצנע לכת'.

ער האט זיך אזוי פארבאהאלטן זיך, און נאכדעם ווייסט מען, ווייל אזוי האט מען געוואלט פון אויבן, ממילא ווייסט מען פון אים! (אחד הנוכחים: צום סוף?), ניין, אפילו אין די מיטעלע יארן האט מען אויך געוואוסט פון אים!

וואס דער אויבערשטער וויל - פירט ער תמיד אויס! נאר א מענטש דארף האבן זיין זאך, וואס איך וויל (להיות בהצנע).

אפילו אין אונזערע צייטן, ער (ראבר"ן) איז געווען א קראנקער מענטש, און על פי רוב א גאנצע טאג האט מען נישט געוואוסט וואו ער איז, פון נאכן דאווענען, פארנאכט איז ער אריינגעקומען מיט א שמייכל, אוועקגעזעצט זיך און גערעדט פונעם רבי'ן און שוין, אפילו קראנקערהייט האט ער נאך געהאט אזעלכע געננ, וואס מען האט נישט געוואוסט וואו ער איז!

❖

# קיינער רופט מיר נישט אויף קיין מיטאג...

(ר' נחמן בורשטיין: וואו איז געווען די שטוב זיינע?) **ער האט געהאט א שטוב?! א שטוב האט ער געהאט אין אומאן?!** (רנ"ב: ער איז געשלאפן אבער ערגעץ!? אחד הנוכחים: מיט בחורים צוזאמען, ביי די שוועסטער - מרת רחל אשת ר' צבי וויסליב ע"ה) **נע, א שטוב?!...**

[לב] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ז: וְסִפֵּר רַבִּי שִׁמְעוֹן, שֶׁפַּעַם אַחַת אַחַר שֶׁנַּעֲשָׂה מְפֻרְסָם, נָסַע עִם רַבֵּנוּ ז"ל דֶּרֶךְ כְּפַר אוֹסְיַאטִין, שֶׁשָּׁם יָגַע רַבֵּנוּ ז"ל בַּעֲבוֹדָתוֹ הַגְּדוֹלָה בְּבֵית חוֹתְנוֹ שֶׁהָיָה דָּר שָׁם, וְנָסַע עִמּוֹ דֶּרֶךְ הַשָּׂדוֹת וְכַיּוֹצֵא, וְהָיָה רַבֵּנוּ ז"ל מִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד וְאָמַר, כַּמָּה הָיָה טוֹב לְפָנַי בְּכָאן, כִּי בְּכָל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה הִרְגַּשְׁתִּי טַעַם גַּן־עֵדֶן. כִּי שָׁם בְּאֵלּוּ הַדְּרָכִים הָיָה רָגִיל לֵילֵךְ וּלְהִתְבּוֹדֵד, וְהָיָה מֵצֵר וּמִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד, וְאָמַר הֲלֹא כָּאן הָיָה טוֹב לְפָנַי מְאֹד, וְלָמָּה לִי הַפִּרְסוּם שֶׁל עַכְשָׁו וכו'.

דער רבי רעדט דארטן פונעם 'חכם ותם',[לג] אז דער חכם האט נישט געהאט - פאר עטליכע גראשן קען מען דאך באקומען אין א 'גארקעך', קען מען באקומען א מיטאג.

אין אומאן איז געווען - מען האט עס גערופן 'סופקוכני', דאס הייסט א 'אומזיסטיגע קעך', פלעגט מען דארטן פאר עטליכע גראשן באקומען דארטן א מיטאג, א שיסעלע 'קאשע' מיט 'יוך', א שטיקעלע 'פלייש', 'ארבעס', און נאך אפאר גראשן קען מען באקומען א שטיקל 'ברויט' אויך, שוין.

'אומאן' איז געווען א שטאט פון צדקה, למשל א גביר האט געהאט 'יארצייט', איז ער אריינגעגאנגען אין קעך אריין, געגעבן א מיטאג פאר אלע ארימעלייט אומזיסט, ס'האט געקענט גיין הונדערטער מענטשן עסן.

איינער איז געווען א 'חולה שנתרפא', אריינגעגאנגען אין קעך אריין, געשענקט א מיטאג פאר די ארימעלייט.

נו, מיר זענען געווען - מיר האבן דאס געדארפט, מיר האבן נישט געהאט קיין געלט אויך, אז היינט איז א אומזיסטיגער טאג זענען מיר אוודאי געגאנגען דארטן עסן א אומזיסטיגער מיטאג, און ס'איז געווען כשרות אזוי אפגעהיט, ס'איז געגאנגען רבנים, כשרות אויפן שענסטן אופן.

פלעגט "ר' אברהם ר' נחמן'ס" אויך גיין עסן מיט אונז מיטאג!

אמאל האבן מיר געזאגט: "אזא איד, אזא מין ר' אברהם?!", 'משה שמואל', ער האט ליב געהאט צו פרעגן. זאגט ער: "וואס זאל איך טוהן אז קיינער רופט מיך נישט אויף מיטאג?! איך בין דאך א קראנקער מענטש!".

(רמ"ב: ער האט אים געפרעגט פארוואס ער עסט דארטן?) יא, נישט וועגן כשרות, נאר אלע 'שלעפערס' זענען געגאנגען דארטן, ארימעלייט, און ר' אברהם ר' נחמן'ס אזא איד?!

"וואס זאל איך טוהן" - זאגט ער - "קיינער רופט מיך נישט אויף קיין מיטאג, איך בין דאך א קראנקער, איך מוז דאך עסן אביסלווארעמע עסן!".

ער איז געווען אזוי פארבאהאלטן אז, 'אברהם' 'אברהם'! קיינער האט אים נישט גערופן קיין מיטאג!

---

[לג] עי' סיפורי מעשיות - מעשה ט'.

(ר' נחמן בורשטיין: ס'איז געווען א הונגער?) **ניין, אפילו נישט די הונגער יארן, נאך פאר'ן הונגער! ס'איז געווען עפעס אזוי, ס'איז יעדע זאך אזוי, מן השמים פירט מען אזוי.**

❖

# רבי פנחס יהושע מטשעהרין

**אז ס'איז געווען "ר' פנחס יהושע",[לד] ר' פנחס יהושע איז געווען אין טשעהרין, איז געווען אמאל אזא מין צייט וואס ער איז געווארן 'מצורע' ווייל ער האט נישט געהאט איבערצובייטן קיין העמד! ער האט געקענט גיין עטליכע חדשים אין איין העמד.**

**פרעגט זיך די קשיא: "ר' פנחס יהושע" - ווער האט נישט געוואוסט ווער "ר' פנחס יהושע" איז?!**

דער טשעהרינער רב פלעגט זאגן: **אז ער קומט אריין אין שול אריין** - ר' פנחס יהושע פלעגט הויבן די הענט ביים דאווענען - **פאלט אויף מיר א ציטערניש! אז איך זעה ווי ר' פנחס יהושע הויבט אויף די הענט!** אזוי האט דער רב געזאגט.

**האט מען דאך געוואוסט ווער ער איז! און אזא איד?! אין טשעהרין איז געווען א שטאט פון גבירים אין די צייטן פון רב, גבירים! אונזערע לייט זענען געווען גרויסע גבירים, און זיי האבן געקענט אויסהאלטן ר' פנחס יהושע'ן, מען זאל אים תומך זיין, אזא איד זאל ווערן א 'מצורע' ווייל ער האט נישט איבערצובייטן א העמד?! וואס איז דאס עפעס?!**

**דאס איז צוויי בקיאות'ן! די 'בקיאות' פון די גבירים איז געווען אז ר' פנחס יהושע זאל נישט זיין אזוי, די בקיאות פון ר' פנחס יהושע איז געווען אז ער דארףליידן, ער דארף ליידן! ער דארף וויסן אז דאס איז זיינס, אים גיט מען דאס, און די גבירים קען זיין זיי וועלן דארפן אפגעבן דין וחשבון!**

❖ ❖ ❖

---

[לד] מגדולי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל.

# אנשי שלומינו מבאברייניץ

(כאן חסר חלק מהשיעור, כנראה שמדבר מר' מרדכי באבריניצער ובנו ר' ישראל, ראה להלן). ער האט געהאט א געוואלדיגע אמונה אינעם רבי'ן, א געוואלדיגע אהבה צום רבי'ן, און א געוואלדיגע אהבה צום רבי'נס מענטשן! (ר' נחמן בורשטיין: ער האט געשטאמט פון טירהאוויץ?) יא, ער איז געווען א טירהאוויצער.

"טֶבְיֶה" - (כינוי לר' טוביה אביו של ר' מרדכי) איז געווען אן איידעם ביי ר' יקותיאל'ן,[לה] ר' יקותיאל האט מגדל געווען א יתומה, און ער האט גענומען דעם טוביה פאר אן איידעם, נישט זיין טאכטער.

דער מרדכי באבריניצער פלעגט אים רופן 'דער פעטער יקותיאל', איך ווייס נישט פארוואס ער האט אים גערופן 'דער פעטער'.

❖

דער עיקר וואס מיינט מען דא צו דערציילן? איר האט דאס שוין געהערט איינמאל, איך האב עס שוין עטליכע מאל דערציילט, נאר וואס דען? ס'איז מעשיות פון צדיקים! ס'איז מעשיות פון צדיקים וואס מיר דערציילן, וואס מען כאפט ארוים!

איצטער איז דאך אוודאי "אשרי להם אשרי חלקם", זיי האבן אזוי פיל צענדליגער פאמיליעס מחיה געווען, אין אזא מין זמן, אין א הונגער צייט, און דעמאלט האט מען נישט געארבעט, ארויסנעמען א הונדערטער - 'גאלד', און נעמען א 'פאס שמן' שלעפן אויף די פלייצע, אזעלכע זאכן, מיר האבן נישט קיין געפיל אין די גרויסקייט דערפון, ווי אזוי דאס איז דארטן חשוב פארן אויבערשטען!

❖

דער ר' טובי' - מרדכי באבריניצער'ס פאטער - פלעג איך דאווענען ראש השנה לעבן אים, ער איז געשטאנען דארט לעבן מיר, האט ער אזוי זיס געדאוונט.

איך האב אים עטליכע יאר געקענט - ר' טובי', האט ער אזוי געשמאק געדאווענט, אזוי זיס געדאווענט דער טובי'.

[לה] אחיו של ר' יצחק בער מטעפליק, שניהם מתלמידי מוהרנ"ת ז"ל.

האט ער מיר געזאגט: "דער פאטער, ער איז א טירהאוויצער, נאך פון די טירהאוויצער חברה!". (מחבורתו של ר' סענדר מטירהאוויצע).

(השואל: ווער איז געווען טוביה'ס טאטע?) ער איז שוין געווען אסאך ביי ר' נתן'ען - טוביה'ס טאטע, יא אויך געווען פון אונזערע מענטשן, אוודאי, (שמו ר' אסיע).

דער מרדכי באבריניצער האט געהאט א 'יחוס' גאר, ס'איז געגאנגען ביז "ר' שמואל טעפליקער"[לו] - ער איז געווען עפעס אן 'עלטער פעטער', ביזן רבי'ן האט זיך עס געצויגן (תלמידי רבינו).

[(רנ"ב: ווער איז געווען ר' טוביה קרעמער-טירהאוויצער?)[לז] אין רבי'נס צייטן מיינסטו? דאס איז געווען אן אנדערער, דאס איז געווען נאך פריער, פון רבי'נס צייטן נאך געוועזן, דעמאלט איז נאך נישט געווען ר' סענדער, פון רבי'נס צייטן נאך.]

❖

ער פלעגט מיר דערציילן, אז ער איז געפארן קיין אומאן ראש השנה, פלעגט פארן טוביהס טאטע, און טוביה, און מרדכי (בנו של ר' טובי'), און ישראל (בנו של ר' מרדכי), און ישראל'ס קינדער!

פלעגט זאגן דער 'בעל עגלה', דער גוי: 'אטיע זע' 'אטיע זע' 'אטיע זע' 'אטיע זע' - 'דאס איז זיין טאטע', 'זיין טאטע', "פינעף טאטעס!", 'אטיע' איז א 'טאטע' אויף רוסיש.

'דאס איז דער טאטע פון דעם' 'דער טאטע פון דעם'! 'פינעף דורות' - פיר טאטעס מיט א קינד. האט דער גוי שוין געוואוסט...

ישראל האט געהאט קליינע קינדער, זיי זענען אלע געפארן אויף אומאן אויף ראש השנה!

❖

[לו] תלמיד רביז"ל, מוזכר בחיי מוהר"ן אות קנ"א, קנ"ג, קס"ג. כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל', ושם באות כ"ג (ב'), ל"ז (ב').

[לז] אליו נאמרה השיחה של רביז"ל, שיחות הר"ן אות נ"א: אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הַמָּעוֹת מִן הָאָדָם, אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הָאָדָם מֵהַמָּעוֹת וכו'. עי' כל הסיפור בשיש"ק הנדמ"ח ח"א אות תרט"ז.

# הכנסת אורחים

אין רוסלאנד איז געווען בעל-הבית'ישע מענטשן, אבער אמונה אינעם רבי'ן איז געווען פייער, פייער! ממש א בחינת 'ראייה' - וואס מען זעהט מיט די אויגן.

בעלי בתים - אזא אמונה אינעם רבי'ן האבן זיי געהאט, אז ס'איז א געוואלד! א לעבטיגע אמונה פון 'נפתחו השמים ואראה',[לח] מען זעהט מיט די אויגן!

איך פלעג קומען קיין באברעניץ, דארטן איז געווען הכנסת אורחים! [היינט איז דאך די וואך וירא, די הכנסת אורחים פון אברהם אבינו], אז ס'איז נישט אויסצומאלן די הכנסת אורחים וואס דארט איז געווען!

מען האט זיך איבער מיר 'געריסן', יעדער האט מיר געשלעפט צו זיך, מרדכי (האט גע'טענה'ט) - "ארויסנעמען אן אורח פון זיין שטוב?!", נאר 'יצחק באברעניצער'[לט] האט אויך געוואלט, האט ער איינגעבעטן קוים אויף מלוה מלכה, איין סעודה!

"פון מיין שטוב ווילסטו צונעמען אן אורח?!", א אורח איז געווען אזוי חביב, מען האט גאר נישט געוואוסט וואס צו טוהן מיטן אורח, ער זאל נאר איבערבלייבן אויף נאך עטליכע טעג!

"ס'איז א קאלטע מקוה? מיר וועלן ווארעמען די מקוה!", זיי האבן געוואלט איך זאל בלייבן נאך עטליכע טעג אינמיטן וואך, האבן זיי געווארעמט די מקוה צוליב מיר, איך זאל קענען גיין אין מקוה.

ס'האט געשמעקט די הכנסת אורחים, די צדקה זייערע!

(ר' נחמן בורשטיין: נאר זיי צוויי זענען געווען אין באברעניץ?) ניין, ס'איז געווען נאך! (רנ"ב: פון די אנדערע הערט מען גארנישט!), נו, ס'איז געווען - ר' יקותיאל האט געהאט א זוהן, דער זוהן איז געווען ישראל כהן'ס שווער, ער האט געהייסן "ר' נתן", אן ארימאן געווען, ר' ישראל כהן פלעגט זאגן גרויסקייט אויף זיין שווער!

---

[לח] עפ"י שיחתו של מוהרנ"ת, נדפס בריש לקוטי הלכות כרך חושן משפט, ומובאת באוצר היראה ערך אמונה אות ר"ז: כִּי מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה שְׁלֵמָה, הֲרֵי זֶה כְּאִלּוּ רוֹאֶה בְּעֵינַיִם אֶת הַדָּבָר שֶׁמַּאֲמִין בּוֹ. וְעַל־כֵּן מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, הֲרֵי כָּל הַשָּׁמַיִם פְּתוּחִים לְפָנָיו וְרוֹאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים עַיִן בְּעַיִן מֵחֲמַת תֹּקֶף אֱמוּנָתוֹ הַשְּׁלֵמָה בֶּאֱמֶת. וְזֶהוּ: אוֹתִיּוֹת "אֱמוּנָה" רָאשֵׁי־תֵבוֹת: "נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים", הַיְנוּ כַּנַּ"ל.

[לט] בנו של ר' נתן ב"ר נחמן בן מוהרנ"ת ז"ל.

(רנ"ב: דאס איז ר' נתן ב"ר יקותיאל וואס ר' נחמן טולטשינער שרייבט אין א בריוו?)[מ] ניין ניין, אין מיינע צייטן, איך האב אים געקענט גוט דעם ר' נתן.

ער פלעגט מיר זאגן ר' ישראל כהן, אז זיין שווער איז א גרויסער ערליכער איד!

און ס'איז נאך געווען, 'איציק' (יצחק באבריניצער הנ"ל) מיט די קינדער, 'נחמן' (בנו) האט דאך אויך געוואוינט דארטן.

(רנ"ב: 'באברינייץ' איז לעבן 'טירהאוויצע'?) ניין, באבריניץ איז נענטער צו קרימינטשאק.

איך בין אסאך מאל געווען אין באבריניץ, איך האב געדארפט פירן די צדקות, איך בין געווען די פאסטן טרעגער... אריבערפירן די געלט.[מא]

❖

**דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן זיך האלטן ביי דעם רבי'ן, מיר זאלן וויסן אז דא איז דער "פלטין של אמת", און דא זאל מען זוכן וועט מען געפינען!**

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **יצחק ריינער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **שמשון פויגעל** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות למזל טוב**

מוה"ר **יואל גערטנער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה

מוה"ר **ישראל שלום** הי"ו
ואביו מוה"ר **מנחם קויפמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו - נכדו למזל טוב**

[מ] עי' סוף עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ט, מכתבים ב' ו' וז'.

[מא] עי' סיפור נפלא בענין הצדקות שלהם, בשיח שרפי קודש ח"ה אות רמ"ד.